מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **במדבר - נשא** תשפ"ה ◆ עלון מס': **164**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### א טענצל ביי 'מודה אני'

איינס פון די יסודות פון א איד איז 'הודיה' - לויבן הקב"ה פאר די טובה און פאר די חסד וואס ער האט געטון מיט אונז אויף טריט און אויף שריט.

אין פרק ז' פון שער עבודת אלקים, אין ספר חובת הלבבות, שטעלט דער רבי אוועק די הודיה און רעדט פון דעם.

דער רבי דרוקט זיך דארט אויס מיט א מורא'דיגע לשון: **ואל תהיה הטובה גורמת לקצר ממעשהו הראשון ולטרוד אותו מהוסיף בכוונתו לאלקים.**

דער רבי רעדט דארט וועגן הודיה און לייגט צו א נקודה אז ווען דער מענטש האט מער טובה זאל ער מער דאנקען הקב"ה, אז עס זאל נישט זיין חלילה פארקערט, אז די טובה וואס ער באקומט זאל גורם זיין ער זאל לויבן וויניגער, נאר פארקערט, ווי מער טובה - אלץ מער דאנקען.

אז מען איז זיך מתבונן וועט מען זען אז ווי לענגער א מענטש לעבט אויף די וועלט - אלץ מער באקומט ער.

אין אנהייב פון זיין לעבן האט דער מענטש זיינע אייגענע געברויכן - אז ער ווערט עלטער און ער האט א שטוב, קינדער, עסן צו שפייזן פאר זיך און פאר זיינע קינדער, האט ער מער און מער סיבות פארוואס צו דאנקען הקב"ה.

פון איין זייט איז דא מער וואס צו דאנקען, אבער פון די צווייטע זייט איז מען מער טרוד, אבער א קלוגער איד טרעפט אן אויסוועג.

ער האט וויניגער צייט צו דאנקען, אבער ער לייגט אריין מער הארץ און מער כוונה אין זיין הודיה.

דער 'מרפא לנפש' אויפ'ן חובת הלבבות געבט א קליינער און א פראקטישער דוגמא.

ער ברענגט דעם ברכת הנהנין אלץ א ביישפיל, און עצה'ט דעם איד אז ווען ער מאכט א ברכה זאל ער נישט אפזאגן די ברכה און גיין ווייטער - ער זאל זיך מתבונן זיין אין איר מער און מער - ביז ווען ער ווערט איבערגענומען פון איר און מאכט די ברכה מעומקא דלבא.

עס נעמט נישט קיין סאך צייט, אבער עס איז משבח די הודאה, עס הייבט איר אויף מעלה מעלה.

איינער פון די תלמידים פון הרה"ק רבי צבי הירש רימנובער זי"ע וועלכע איז אריבער אסאך שווערע נסיונות אין לעבן, האט אמאל געזאגט אז וואס עס האט אים געהאלטן אין לעבן און געגעבן כוחות ותעצומות צו קענען אנגיין אין עבודת ה', איז געווען דער צוזען ווי אזוי זיין רבי הרה"ק רבי הערש האט טאג טעגליך געמאכט די ברכה פון 'אלוקי נשמה'. ער פלעגט זאגן די ברכה מיט א מתיקות נפלאה, ווארט ביי ווארט, און אנקומענדיג צו די ווערטער 'מודה אני לפניך רבון כל המעשים' פלעגט ער ארויסגיין מיט א טענצל און טאנצן מיט א דביקות.

דער צוזען די זאך, די שמחה, די הודאה, וואס דער רבי האט געהאט ביי די 'מודה אני', האט אים געגעבן כח און מוט אויף אגאנץ לעבן.

אז מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער קען מען ארויסגיין פון דעם אליין אין א ריקוד, אז מען טראכט איבער די זכיה אז מען איז געזונט, אז מען קען זאגן די ווערטער, דאס אליין איז גענוג צו טאנצן.

נישט יעדער לעבט עס צו דערלעבן און אויך די וואס לעבן זענען נישט אלע בכח ארויסצורעדן ווערטער פון זייער מויל ווי רבי יצחק בן באשע [דער זון פון ר' דוד שליט"א] וועלכע ליגט שוין א יאר צייט על ערש דוי און איז נישט מסוגל צו זאגן די ווערטער 'מודה אני'.

אבער אז מיר קענען עס יא זאגן, איז זיכער אז מיר דארפן טאנצן און מער דאנקען.

ס'איז באקאנט די מעשה פון די פני יהושע אז זיין גאנצער שטוב איז פארברענט געווארן און אויך זיין משפחה. שטיינדיג צווישן די פלאמען ציטערנדיג אז אויך ער וועט פארלירן דאס לעבן, האט ער געמאכט א נדר אז אויב ער וועט אויפשטיין פון איר - וועט ער ארויסגעבן א ספר אויף תורה בעיון רב.

דער פני יהושע האט געהאלטן נאכ'ן פארלירן אלעס אין די וועלט, אבער ער האט נישט געמאכט קיין שום חשבון, נאר ווי אזוי ער קען מער געבן פאר הקב"ה, און אינדעם זכות האט כלל ישראל זוכה געווען צו די פני יהושע.

מיר באקומען מער און מיר דאנקען מער.

**(ארויסגענומען פון שיעור 297 אין שער הבטחון)**

## די וועכענטליכע השגחה

### שטארק זיך און זיי מקבל דער דין באהבה - פארדינסטו בזה ובבא

דערציילט א ירושלימער איד:

אין די טעג פאר ל"ג בעומר האט מיר אנגעכאפט א שטארקע תשוקה צו זיין אין מירון, ביים תנא אלקי רשב"י.

אויס מורא צו פארן ערב שבת, האב איך באשלאסן אז איך וועל אהינפארן צוויי טעג פריער, עס וועט שוין זיין אין די דריי טעג פון ל"ג בעומר.

א צופרידענער האב איך זיך ארויסגעלאזט אויף די וועגן, די וועג אהין איז אריבער דערהויבן, אויך דער זיין דארט איז געווען לעילא ולעילא, די שוועריגקייטן האט זיך אנגעהויבן זוכנדיג א וועג אהיים.

איך בין נישט געווען דער איינציגסטער איד צו מאכן דעם חשבון, נאך טויזנטער אידן האבן זיך ארויסגעלאזט אויף די וועג געציילטע טעג פאר ל"ג בעומר און ווארטנדיג אויפ'ן באס וואס זאל מיר אהיימנעמען איז דער געדרענג געווארן גרעסער און גרעסער.

ווען די באס איז געקומען איז געווארן א געשטופעניש. זעענדיג אז פון איר וועל איך נישט טרעפן א וועג אהיים, האב איך אנגעהויבן ווארטן אויף די קומענדיגע באס, די נעקסטע באס איז געווען צוויי שעה שפעטער.

ווארטנדיג אזוי האב איך פרובירט מיין מזל צו כאפן היטשעס. יעדער קאר וואס איז אריבערגעפארן האב איך אפגעשטעלט, איך האב אויך געמאכט אנדערע פלענער, אבער קיין שום זאך האט זיך נישט אויסגעארבעט.

וועלכע מיטל איך האב נאר געטון האט זיך עס געענדיגט מיט א דורכפאל.

אין אזא צייט הייבט די קאפ אן צו פיבערן. עס שווימען אריין אלע מיני מחשבות. מען הייבט אן זיך צו באשולדיגן אז מען וואלט געדארפט טון אזוי און אזוי, אז דאס האט מען נישט געטון ריכטיג, מען הייבט זיך אן וואונדערן וואו מען האט פארלוירן די שכל, ווי האט מען געקענט זיין אזוי נאריש, וואו זענען די אויגן, פארוואס האבן זיי נישט געזען וואס עס קומט?

ענדליך, צוויי שעה שפעטער, האב איך געטראפן א וועג אהיים.

אונטערוועגענס, שמועסנדיג טעלעפאניש מיט א חבר און מיטטיילנדיג אים מיט מיין ביטערניש און איבערלעבעניש, זאגט ער מיר איבער א יסודות'דיגער שטיקל חובת הלבבות אין שער חשבון הנפש [פרק ג' חשבון עשרים ושבע].

דער חובת הלבבות רעדט דארט איבער צער וואס גייט אריבער אויף א מענטש.

ער לייגט דארט אראפ א שטארקע נקודה, אז ביי יעדע צער האט א מענטש די בחירה, ער קען עס אננעמען באהבה, און ער קען עס אננעמען מיט ביטערניש, אבער ער זאל וויסן אז די וועג ווי אזוי ער נעמט אן א זאך מאכט אויס בזה ובבא.

אז א מענטש איז מקבל די גזירה באהבה באקומט ער אויף דעם שכר, אז ער איז עס נישט מקבל באהבה - האט ער נישט קיין שכר אויף איר.

"דאס איז א נקודה פאר'ן לעבן", האט מיין חבר מיר געזאגט.

"דו קענסט מיטמאכן און פארדינען פון איר. דו קענסט מיטמאכן און ארויסגיין א דערלייגער פון איר".

די נקודה איז מיר אריין אין קאפ, איך האב זיך געמוטשעט אויפ'ן וועג אהיים, אבער לאמיר כאטש ארויסגיין פון איר מיט ריווח בזה ובבא.

מיר ווילן זיך שטארקן אז אלעס איז לטובה און פארדינען אויףביידע וועלטן.

**גוט שבת**
**פינחס שפר**

די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4 [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

השגחה פרטית האטליין
אידיש. העברעאיש. ענגליש.
שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:
פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אויסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633
• פאר דער פרייען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א קליינע לעקטער דראט

צווישן די גאנצע הויפן פון פסח זאכן וועלכע מיר האבן אראפגענומען פאר פסח, איז דארט אויך געלעגן אן איוון וואו מ'קען קאכן און באקן אין איר עסן.

מיר האבן געהאלטן נאך צוויי טעג פון נישט עסן געקאכטע עסן, די קינדער אין שטוב און איך, זענען געווען הונגעריגע פאר א ווארעמע מאלצייט, מען האט אנגעהויבן צושטעלן פיינע געקאכטע עסן.

מען לייגט אריין די דראט פונעם איוון אין די שטעקער, אבער עס צינדט זיך נישט אן.

עס איז געווען רעלאטיוו א נייער מאשין, עס האט אונז געקאסט די סומע פון 500 שקל, און דא ארבעט עס נישט. איך האב זיך אנגערופן צו מיין בני בית אז כ'וויס פארוואס עס האט פאסירט, מיר האבן שוין לאנג נישט געגעבן קיין מעשר געלט.

צומארגענס האב איך אפגעשיידט מעשר געלט, און די זעלבע צייט האב איך באשלאסן אז כ'גיי בודק זיין די מאשין.

איך האב בודק געווען די מאשין און אנטדעקט אז יא, איין דראט האט זיך וואקעגערוקט פון פלאץ.

מיר האבן עס גלייך פארראכטן און עס האט אנגעהויבן ארבעטן גוט, איך האב געזען אז גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין, אז אלעס האט א קלארער חשבון מלמעלה.

## די זכות פון די מצות הלוואה

אין א טאג האב איך געהערט די גוטע נייעס אז מיין חבר האט א שידוך געטון.

טרעפנדיג מיין חבר צומארגענס אין שול, האב איך אים געגעבן א ווארעמע מזל טוב.

אין שול הייס איך א בעל הבת'ישער איד און דער נייער בעל שמחה האט מיר געפרעגט צי איך קען אים פארבארגן 5000 שקל אויף די הוצאות השמחה.

די ערשטע ספאנטאנישע רעאקציע אין מיין מח איז געווען, אז איך האב מורא געהאט אים צו בארגן געלט, אבער א רגע דערויף האב איך זיך מיישב געווען אז עס איז דאך א מצוה מן התורה צו פארבארגן געלט.

"איך האב נישט אויף די מינוט, אבער איך וועל האבן בייננאכט, אז דו ווילסט קענסטו קומען צו יענער זאל און דארט וועל איך האבן פאר דיר".

דער חבר האט אנגענומען די עצה, יענער נאכט איז ער געקומען צוגיין צו די שמחה, און אין א זייט האב איך ארויסגענומען

## אן א ווארט ענגליש

ווען דיקע טראפענעס שנִיי האט אנגעהויבן אראפפאלן אויף די ניו יארקער הימלען און האבן באדעקט די גאסן האב איך נישט געטראכט אז מען מיינט מיר, אבער עס האט נישט גענומען לאנג און איך בין דערגאנגען דעם סוד אז יא, איך בין אויך אין פעקל.

יענער נאכט, בין איך און מיין משפחה, געווען אין ניו יארק און זיך געגרייט אהיימצופארן קיין ארץ ישראל.

די וועג איז געווען אויסגעשטעלט אז מיר פארן פון ניו יארק קיין לאנדאן. אין לאנדאן וועלן מיר זיין צוויי שעה און פון דארט וועלן מיר נעמען א פליגער קיין ארץ ישראל, אונזער היים.

אלעס איז געגאנגען אין שפאן, די פעקלעך זענען שוין געלעגן אין דעם פליגער, מיר האבן באקומען זיצן אינאיינעם, אבער איין זאך האט זיך נישט גערעכנט מיט אונז, די שניי.

די דיקע שטיקלעך שניי האבן באדעקט די ראנווע' און עס האט נישט געדויערט לאנג און די הויכהילכער האבן געמעלדן אז די פליגער איז אפגעשטופט, עס וועט זיך הייבן בייננאכט, אבער עס וועט זיין שפעטיגן.

"מען דארף ריינמאכן די ראנווע". האבן די באאמטע געלאזט וויסן און פון די פענסטער האט מען געקענט זען די שניי שארער ווי זיי שארן אוועק די שניי און מאכן ליידיג די ראנווע.

די באאמטע האבן געלאזט וויסן דעם ציבור אז די שפעטיגונג וועט זיך ציען צוויי שעה.

הערנדיג די צייט איז מיר געווארן ביטער אויפ'ן הארץ, צוויי שעה איז גענוג די צייט וואס מיר האבן פון איין פליגער צו די אנדערע און עס הייסט אז מיר וועלן פארשפעטיגן אונזער קאנעקשען פלייט פון לאנדאן קיין ארץ ישראל.

מען האט אנגעהויבן דאגה'נען אבער אויך די לופטליניע האט גע'דאגה'ט פאר דעם, זיי האבן געארבעט צו צושטעלן אן ערזאץ פלאן, די פלאן האט געלויטעט אז נאכ'ן לאנדן אין לאנדאן וועט מען אונז טראנספערן קיין דובאי און אין דובאי וועלן מיר דארפן ווארטן זעקס שעה אויף א פליגער קיין ארץ ישראל.

די פלאן איז ממש נישט געווען צום הארצן. מיר האבן קוים אויסגעהאלטן די ערשטע פליגערי און דא פאדערט מען פון אונז נאך 2 פליגערס און א זעקס שעה'דיגע סטאפ אין דובאי.

ב'יני לב'יני זענען מיר ארויף אויפ'ן פליגער. אויפ'ן פליגער זענען מיר געוואויר געווארן אז מיר זענען נישט אליין, אז מיט אונז איז דא נאך דרייסיג מענטשן וואס נעמען אן דעם זעלבן ריכטונג און זיי האבן פארשפראכן צו טון וואס זיי קענען.

איידער די פליגער האט אנגעהויבן צו לאנדן זענען די פלי מאנשאפט ארום צו די וואס האבן געהאט א קאנעשקען און אויסגעשמועסט מיט זיי די אפציעס.

פארענט פון אונז איז געזעסן א היימישע משפחה, זיי זענען געזעסן רואיג, געלאסן, עס האט אויסגעזען ווי די גאנצע איבערקרערעניש האט נישט מיט זיי, ווי זיי בלייבן אין ענגלאנד און זענען נישט ממשיך ווייטער.

נאר ווען די פלי מאנשאפט האט זיך צוגעבויגן צו זיי האבן מיר געזען אז אויך זיי זענען א חלק פון די געשעעניש. דער מאנשאפט פערזאן האט אנגעהויבן רעדן מיט אים, אבער זיי האבן נישט געקענט קיין ענגליש, זיי האבן געבעטן צי מיר קענען איבערטייטשן פאר זיי.

איך האב זיי דערציילט אלעס וואס ער האט מיר געזאגט, אז מען וועט נישט קענען אנקומען באצייטנס קיין ארץ ישראל און זיי האבן עס אנגענומען מיט א מורא'דיגע רואיגקייט, גלייבנדיג אז וואס הקב"ה טוט מיט זיי איז גוט.

פאר א מינוט האב איך זיך געקוקט אין שפיגל. איך זיץ דא און איך בין נערוועז און כ'דריי איבער וועלטן און שאקעל וואלקענעס, און זיי זיצן דא אזוי איינגעהאלטן און זענען באמת רואיג גלייבנדיג אז אלעס פירט זיך פון אויבן לטובה.

די פליגער האט געלאנדעט אין לאנדאן, מען האט אונז איינקווארטירט אין א

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

איך וויל דא אויסדרוקן א דאנק פאר די הערליכע שיעורים וואס איר לייגט ארויף אויפ'ן טעלעפאן ליניע. באזונדער וויל איך דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר הרב ר' פנחס שאפער שליט"א אויף זיין טאג טעגליכער שיעור וואס ער געבט איבער אויפ'ן טעלעפאן. דער שיעור איז נישט נאך א שיעור, עס איז ווי מיין טעגליכע פרישטאג. איך שפיר אז אן דעם קען איך נישט עקזיסטירן, אן דעם בין איך הונגעריג, דאס איז מיין שפייז, דאס געבט מיר כח און טרייבקראפט צו קענען אנגיין. איך קען זיך נישט זען אנדעם אנהייבן דער טאג, איך וויל דא אויסדרוקן מיין דאנק פאר אים און פאר אלעס בכללות וואס ער טוט פאר'ן כלל.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

איך וויל דא אויסדרוקן מיין טיפער דאנק פאר די חשובע אידן וואס האבן מיר צוגערעדט תורם צו זיין פאר די חשובע מכון 'השגחה פרטית'. איך זוך שוין זייער לאנג אן ארבעט. זוכנדיג האב איך געהאט חשק אויף א געוויסע ארבעט. איך האב געטון דערינען און עס האט זיך געשלעפט, אבער נאך דעם וואס איך האב תורם געווען א סומע געלט האבן זיך זאכן אנגעהויבן רוקן זייער שנעל. איך האב געקענט זען מיט א קלארקייט די קשר צווישן ביידע זאכן, אז ווען איך האב געטון און תורם געווען פאר די מכון האט מען מיר אנגענומען צו די ארבעט. איך דאנק הקב"ה פאר די זכות און פאר די ישועה וואס איך האב געהאט דורך די ארגאניזאציע.

האטעל און עס האט זיך אנגעהויבן די סארטירונג.
יעדער פון זיי האט פרובירט זיין מזל, א טייל האבן געטוישט קיין פאריז נעמענדיג די נעקסטע פלייט קיין פאריז און פון פאריז קיין ארץ ישראל. אנדערע זענען געבליבן מיט די פלאן פון דובאי, פאר אונז איז געלונגען ארויפצוקריגן אויף א צווייטער פליגער וואס פארט פון לאנדאן קיין ארץ ישראל.
זייענדיג מיט די געפעקן אויפ'ן וועג ארויף צו די ערזאץ פליגער, האט מיין טאכטער זיך אנגערופן צו מיר אז נאך א מזל מיר קענען רעדן ענגליש, אזוי האבן מיר זיך געקענט מסדר זיין און טרעפן א פלאץ אויף די נייע פליגער.
איך האב איר פארראכטן זאגנדיג אז ניין, נישט די ענגליש האט מיר געראטעוועט, הקב"ה האט אלעס געפירט, און א ראיה צו דעם איז די משפחה וואס איז געזעסן רואיג און געלאסן און איז ביים סוף אויך אנגעקומען קיין ארץ ישראל, א צייכן אז נישט די שפראך באשטימט - נאר די סייעתא דשמיא איז קובע.
אז מען האט סייעתא דשמיא האט מען אלעס.

## זיי האבן שוין באצאלט

פאר א שטיק צייט בין איך געווען אין אוקראיינע, איך האב זיך דארט אפגעגעבן מיט קירוב רחוקים.
איין טאג זייענדיג דארט, האב איך זיך אויפגעוועקט צופרי מיט מורא'דיגע ווייטאג, אין די זייט פון מיין קאפ.
די ווייטאגן זענען געווען אומדערטרעגליך, איך האב זיך ממש נישט געקענט אן עצה געבן. איך בין געגאנגען צו א לאקאלע דאקטאר אין אוקראיינע, ער האט מיר אונטערזוכט, נאך א שטיק צייט פון אונטערזוכונג האט ער זיך אנגערופן צו מיר, אז עס האט זיך אוועקגערוקט די אויבערשטע ביין און דאס פאראורזאכט די ווייטאג.
ער האט מיר גוט דיאגנאזירט, אבער וואס טוט מען יעצט? ער האט מיר געזאגט אז איך וועל דארפן אריבערגיין אן אפעראציע.
עס איז א געפארפולע אפעראציע און איך בין געווען אובד עצות, איך האב אנגעקלינגען מיין שווער, ער האט ערפארונג אין די נושא.
הערנדיג וועגן וואס עס רעדט זיך, האט ער אנגעקלינגען צו א דאקטאר אין רמת גן און זיך דורכגעשמועסט מיט אים.
נאך א שטיק צייט קלינגט ער מיר אן זאגנדיג אז איך זאל זיך נישט זארגן - מארגן וועט דער דאקטאר קומען צו פליען צו מיר.
די ווייטאג האט מיר אזוי באהערשט, אז מיין קאפ איז נישט געווען אויף מיר, איך האב נישט געכאפט וואס ער רעדט צו מיר.
"קומען צו מיר? איך בין דאך אין אוקראיינע?"
צומארגענס איז ער געווען דא, ער איז אנגעקומען און געגעבן א רוק מיט די האנט און ביז א רגע איז עס געווארן מסודר.
"וועסט קומען צו מיר אין ארץ ישראל, און מיר וועלן ממשיך זיין די באהאנדלונג".
עס איז מיר בעסער געווארן, און יעצט האב איך אנגעהויבן כאפן אז מען דארף אים באצאלן. איך האב אנגעהויבן רעדן וועגן געלט, און ער קוקט מיר אן, און וואס איז מיט די פליגער, דו מיינסט אז איך בין געקומען אומזיסט?
איך בין געווארן צומישט, זיכער רעדט מען פון גרויסע געלטער, פון וואו נעם איך אזעלכע סומעס, אבער ער שמייכלט זיך אונטער.
"זארג נישט, איך בין נישט געקומען וועגן דיר, דא אין די געגענט וואוינען צוויי גרויסע עשירים, זיי האבן מיר באשטעלט".
איך האב נישט געגלייבט וואס כ'הער, די אפענע יד ה'.
"איך האב פארדינט פון זיי אזויפיל געלט, אז זייער באצאלונג דעקט אויך די קאסטן פון די איבריגע צוויי אפוינטמענטס".
איך האב געדאנקט הקב"ה אז איך דארף נישט צאלן, און אז דער רופא כל בשר האט מיר געהאלפן און געשיקט דער דאקטאר מיט די רפואה ביז צום שטוב.

דאס געלט וואס איך האב יעצט באקומען און עס אנגעהויבן ציילן.
איך צייל די געלט און איך זעה אז עס פעלט מיר געלט, איך צייל געווענליך נישט איבער דאס געלט וואס מען געבט מיר, אבער דא צוליב די הלוואה האב איך געציילט און געזען אז דער בעל שמחה האט זיך פאררעכנט, אומוועלענדיג האט ער מיר געגעבן א טויזנטער ווייניגער ווי אפגעשמועסט.
איך בין צוגעגאנגען צו די מחותן און אים געפרעגט, ער האט גלייך געמאכט א חשבון און געזען אז איך האב רעכט, ער האט זיך פאררעכנט, מיר האבן זיך גלייך פארגליכענט.
נאר יעצט האב איך געכאפט די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס איז דא געווען, אז נאר אדאנק וואס איך האב פארבארגט פאר יענעם בין איך ניצול געווארן פון אזא גרויסער הפסד.

## אהיים אין די ריכטיגע מינוט

ווען מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג פון רענאווירן די דירה האבן מיר געוואוסט אז עסווארט אונז א שווערע און א לאנגע איבערגאנג.
מען האט נישט גערעדט פון א קליינע רענאוואציע נאר פון א פולשטענדיגע רענאוואציע, פון צוברעכן ווענט און אויפפאקרן די ערד, אז עס איז נישט געווען מעגליך צו בלייבן וואוינען אין שטוב אין אזא צייט.
מיר האבן געזוכט צו דינגען אן ערזאץ דירה, אבער מיר האבן נישט געטראפן נאר ווייט אוועק פון אונזער הויז.
נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, האבן מיר זיך אהינגעצויגן און געהאפט אז זאכן וועלן זיך ענדיגן שנעל.
די געדינגענע דירה איז געווען גרויס און שיין, אבער די ווייטקייט איז געווען א גרויסע שטער. טאג טעגליך האבן קינדער געשפעטיגט צו די באס, צו די מוסדות'ער, אזוי אז ווען עס איז געקומען די ערשטע רגע און מען האט זיך געקענט צוריקציען האבן מיר עס געמאכט.
מיר האבן זיך צוריקגעצויגן אין די דירה, טראץ וואס דער וואוינען אין אזא דירה איז געווען ממש אומדערטרעגליך, אבער נעמענדיג אין באטראכט אז מען רעדט דא פון ביטול תורה, האבן מיר נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר זיך צוריקגעצויגן צו די דירה.
מען איז געווען צוריק אין די אייגענע פיר ווענט, אבער דא האט מען געזען וואספארא נס דאס איז געווען.
אין דעם זעלבן טאג ווען מיר זענען אהיימגעקומען אין שטוב האט פאסירט א שרעקעדיגע זאך אין די געדינגענע דירה, די דאך איז אראפגעפאלן אין שטוב, עס איז געפאלן אין א צייט ווען אלע קינדער זענען געווענליך אין שטוב.
מיר זענען ניצול געווארן ממות לחיים.
מיר האבן עס געטון מונע צו זיין ביטול תורה, אבער פון הימל האט מען אונז מציל געווען.
הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.
מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז
אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק
צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים
**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** | דריקט 6

| **העברה לבנק לאומי** | **משלוח בדואר** | **בעמדות נדרים פלוס** |
|---|---|---|
| סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב
## השגחה פרטית בספרים הקדושים

### דער עושר באקומט די שפע - אז ווען דער ארעמאן דארף עס זאל ער עס געבן פאר'ן עני

באמת השי"ת אינו נותן לעושר כדי שיסבור ויהיה בעיניו כאלו הוא נותן לו משלו, אלא, שנותן לעשיר בשעה שעני צריך לזה. אז, בזמנו ובעיתו של העני שצריך, נותן ומשפיע לעשיר, כדי שיקבל העני על ידי העשיר, לזכות גם העשיר. ובשביל שהקב"ה אינו משפיע לעשיר, רק בעת הצורך של העני, מזה מוכח שלא מדידיה קאכיל אלא מדרחמנא. וזה שאמר "ואתה נותן להם" - לעשירים. "את אכלם" - של עניים. "בעתו" - של כל אחד.

(שבט סופר מסכת כתובות)

### דורך דער 'עני' פארדינען אלע ארומיגע

הכי קאמר: "נותן... אכלם" - של בני אדם הרבה היושבים יחד, ויש ביניהם אחד שרגיל לאכול מאכל משובח, מזמן הקב"ה לכל אותה חבורה כפי המאכל שרגיל אותו יחיד לאכול בעת סעודתו.

(מאור עיניים (הריא"ף) מסכת כתובות)

### איך עס פון די טיש פון הקב"ה

**ההוא דאתא לקמיה דרבא אן** אן ארעמאן וואס האט געוואלט עסן איז געקומען צו רבא און אים געבעטן **אמר לו** האט אים רבא געפרעגט: **במה אתה סועד** וואס ביסטו געוואוינט צו עסן? **אמר** האט דער עני געענטפערט **לו** פאר רבא: **בתרנגולת פטומה ויין ישן. אמר** האט רבא צוריקגעפרעגט **ליה** דעם עני: **ולא חיישת לדוחקא דציבורא** צי ביסטו נישט חושש צו דער דוחק הציבור - אז זיי וועלן נישט האבן גענוג געלט דיר צו צושטעלן אזא פעטע סעודה?

**אמר** האט דער עני געענטפערט **לו** פאר רבא: **אטו מדידהו קאכילנא** צי עס איך דען פון זיי? **מדרחמנא קאכילנא** איך עס דאך פון הקב"ה **דתנינא** ווי עס שטייט אין תהלים (קמה, טו) **"עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם בעתו"** לכאורה וואלט געדארפט שטיין את אכלם **"בעתם" לא נאמר** בלשון רבים, אבער עס שטייט **אלא "בעתו"** - בלשון יחיד. **מלמד שכל אחד ואחד** דאס לערנט אונז אויס אז מען געבט פאר'ן יחיד - ווי דער יחיד איז געוואוינט צו עסן **נותן הקב"ה פרנסתו בעתו.**

**אדהכי** ביני לביני ווען זיי האבן נאך געהאלטן אינמיטן רעדן **אתאי אחתיה דרבא** איז אנגעקומען די שוועסטער פון רבא, **דלא חזיא ליה תליסרי שני** די צוויי האבן זיך נישט געזען דרייצן יאר **ואתיא ליה** און זי האט געברענגט פאר רבא א **תרנגולת פטומה ויין ישן. אמר** האט רבא געזאגט צו זיך: **מאי דקמא** וואס איז דא געשען אז פונקט יעצט איז זי געקומען צוגיין צו מיר און מיר געברענגט א פעטע הינדל און אלטע וויין נאך דרייצן יאר? **אמר** האט רבא געזאגט **לו** פאר'ן עני: **נענתי לך** איך האב צופיל גערעדט מיט דיר און יעצט **קום אכול!** קום עסן.

(מסכת כתובות סז ע"ב)

הסתפקות, אלא יכול להשיג מחייתו לפי הרגלו וטבעו, ואם הוא מסוגל בתרנגולת פטומה ויין ישן, גם זה ישיג בדרך הבטחון, דאחר שהוא בוטח בה' ואוכל מרחמנא, אין להגביל בטחונו, שבאופן כזה יוכל לבטוח ובאופן אחר לא ייתכן, במקום זה אפשר לבטוח ובמקום אחר אי אפשר, כי יכולת ה' היא לאין תכלית. ואחר שעומד על דעתו ברוח חזק שוודאי יזמין לו ה' לפי הרגלו, הוא מובטח בו עוד יותר מהבטוח על כסף שבכיסו, שאינו שמור מהגנבים או משאר המפסידים. מה שאין כן על ידי בטחונו הוא שמור מכל הפגעים. ועוד, שהבוטח אין לו לחשוש לדוחקא דציבורא, מאחר שהוא תקיף באמונתו שאוכל מדרחמנא, ובמציאות אין הציבור נותן לו כלל, וכל מה שיש לו הוא רק מתנת ה'. וכמו דחזינן שמקודם לא היה כאן תרנגולת פטומה ויין ישן אצל רבא, ודווקא בעת שבא באה גם כן אחותו שלא ראתה אותו זה שלוש עשרה שנה, והביאה תרנגולת פטומה ויין ישן. הרי דהציבור לא נתן לו כלום, אלא אדרבה, מפני ביאתו הגיע להציבור על ידו, ויכול להיות שגם רבא אכל מן התרנגולת הפטומה, כי לא יאכל האורח לבדו הכול, ונמצא שלבד שלא לקח מהם אלא נתן להם, הרי בוודאי שלא נקרא מי שבוטח בה' בטחון אמיתי מטיל עצמו על הציבור, אלא מטיל עצמו על הבורא וירוויח הציבור על ידו.

(מדרגת האדם שער הבטחון פרק ב')

### בטחון בה' קען נישט זיין אויף ווייניג - ווייל ביי הקב"ה איז נישט דא קיין גבולות

כוח הבטחון בה' כל כך חזק מאוד, שאין שום דבר נמנע ומוזר ממנו, עד שהבוטח ברור בדעתו שאינו מחויב לחיות חיי

# א פינטעלע ליכטיגקייט
## אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

### א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## די מפתח צו א שפע רב

מען הערט צומאל אז אידן באקלאגן זיך אז זיי האבן נישט גענוג געלט צו שפייזן זייער פאמיליע.

מען באקומט דעם איינדרוק אז פון הימל האט מען אים נישט געגעבן זיינע באדערפענישן.

אבער דאס איז א טעות! אז מען קוקט אריין אין די ספרי קודש זעט מען אז עס איז נישט דא אזא זאך, אז נאך איידער די נשמה קומט אראפ אויף די וועלט איז גרייט פאר אים אלעס וואס ער דארף האבן.

איי, פארוואס זען מיר נישט די שפע? די תשובה אויף איר איז ווייל אויב מען וויל זען די שפע דארף מען האבן דער מפתח צו די שפע און דער מפתח צו די שפע איז בטחון.

נאר אז די בטחון איז בשלימות - וועט די שפע זיין בשלימות - אז עס פעלט אין די בטחון פעלט אין די שפע.

דער געדאנק ווערט איבערגע'חזר'ט מערערע מאל אין די ספרי קודש אבער מיט א קלארקייט געבט עס ארויס דער הייליגער נועם אלימלך אין פרשת בהר, מיר ציטירן דא לשון קדשו: "כשברא את העולם, השפיע מטובו צינורות המושכים שפע לצרכי בני האדם, וטבעו של השפע שלא יחדל לעולם, אלא אם האדם נופל ממדרגתו ואין בו בטחון בבורא ברוך הוא, המשגיח באמת, הזן ומפרנס בריות בלי הפסק. או אז, במחשבתו הבלתי טהורה, פוגם האדם חלילה בעולמות העליונים".

דער נועם אלימלך דרוקט זיך אויס: וטבעו של השפע שלא יחדל לעולם, אבער עס קומט נאר בתנאי אז די בטחון איז מוחלט.

דער געדאנק ווערט אויך געברענגט אין ספר באר מים חיים [פרשת בהר] וז"ל: "כאשר האדם אינו מסיר את בטחונו מה', ויודע ומאמין באמונת אמת שבוודאי הקב"ה יזמין לו את כל צרכיו, כי לא יעזוב ה' חסדו מעם בריותיו, והוא הנותן לחם לכל בשר בדרכים נפלאות הפלא ופלא, כי הוא סיבת כל הסיבות, המסבב בפלאי פלאים את כל הדברים שבעולם באופן שיוזמן להם כל דבר המצטרך לכל בשר לפי ערכו. רק שעומד וממתין ומצפה לראות באיזה ענין ובאיזו סיבה יפליא הקב"ה עמו פלאות להזמין לו הצטרכותו. אז ודאי, אין הקב"ה מונע מאתו מלברכו, גם למעלה מן הטבע, רק שמסתירו לפעמים בטבע וסיבות העולם, מפני טעמים הכמוסים עמדו יתברך."

זאל הקב"ה געבן אז מען זאל זוכה זיין צו א פעלזנפעסטע בטחון און די שפע זאל נמשך ווערן צו אונז אייביג.


# קלינג אריין
# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט **לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן** אדאנק די השגחה פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**

און הייב אן לעבן א רואיגערע און באַטעמ'טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633